עוד ילדים בחינוך הכשר.

זה הי׳ מעשה עם יהודי שלא ראה את הרבי מעולם, בליובאוויטש הוא לא למד וכו׳ וכו׳, הרי כיום, עאכו״כ אלו שראו את הרבי, וראו את הרבי נ״ע, שכולא חד, ולבסוף הם התפעלו מהשטות של מלך זקן וכסיל.

וכפי שכתוב ״עשר בשביל שתתעשר״, שהכוונה היא על הטרחא בממונו, בגופו ובנשמתו. שכל העניינים שנותנים, אין זה שנותנים, כי-אם שלוקחים, היות וכאשר נותן הוא לרבי ממונו או גופו או נשמתו, מחזיר הרבי ב״ארבע ידות יהיו לכם״. ובשעה שנותנים פחות במאה דולר נפחת הוא בעצמו בארבע מאות. ובשעה שמתעצל לטרוח בגופו כיון שחס על בריאותו, נחסר בו ארבע הידות. וכאשר חס על נשמתו, מכיון שרוצה הוא ללמוד ולהתפלל לעצמו בזמן זה, נחסר בעצמו ארבע הידות. ולאידך גיסא, בשעה שנותן עוד מאה דולר, מקבל עוד ארבע מאות. עוד טרחה בגופו מקבל בריאות ארבע פעמים כך. יותר זמן מעצמו, מקבל הוא הצלחה בתורה ותפילה ארבע פעמים ככה.

**בהמשך השיחה פנה כ״ק אדמו״ר מלך המשיח שליט״א לא׳ הנוכחים ואמר:**

זכיתם ללמוד תקופה בתומכי תמימים בליובאוויטש, ומאז נכנסתם למצב של ״נידי ואזלי״. חצי שעה ״אַ פוילישער״, חצי שעה ״אַ תמים״, חצי שעה ״אַ בעל-בית״, וחצי שעה אַ גוטער איד״...

אלא שסוכ״ס ישאר בודאי בתו״ת, כי בהיותו בליובאוויטש החדירו בו ״דבר המעמיד״ ש״אפילו באלף לא בטיל״, ובמילא ״בל ידח ממנו נדח״, והוא ״ישאר ״תמים״, וסוכ״ס יפעל הוא גם על בניו ובנותיו, חתניו ונכדיו, שגם הם יהיו חסידים, והוא עצמו בכלל זה.

לזכות

**הוד כבוד קדושת**

**אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח שליט״א**

מהרה יגלה אכי״ר

●

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**

# פקודת מלך

**- מעשה רב -**

"בשעה שענה עם תוקף שיש לו פקודה מפלוני בן פלוני, בצירוף התואר שכינה אותי, הרי על-ידי שהתקשר אלי, ועל-ידי-כך עם הרבי, פעל הזזה באותו אדם"

יוצא לאור על-ידי

**ועד „חיילי בית דוד"**

770 איסטערן פאַרקווי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות שישים ושמונה לבריאה

**הי׳ תהא שנת סגולות חרותנו**

**ק"ו שנה להולדת הוד כ"ק אדמו"ר מלך המשיח שליט"א**

# "על-ידי שהתקשר אלי..."

וויסענדיק אויף וויפל ביי דעם רבי'ן איז נוגע וחביב יעדער רגע וואָס קינדער לערנען, האָב איך אָנגעשריבן אַ בריוו אין אַ אָרט – ס'איז געווען אין א"י – מען זאָל אָנהויבן לערנען פאַר דער צייט ווי ס'איז אויסגעשטעלט פון דער רעגירונג.

אַז ס'איז אָנגעקומען די ידיעה אין משרד המתאים אַז מען האָט אָנגעהויבן לערנען, איז מען געקומען און מען האָט מתרה געווען, אַז אויב מען וועט טאָן ניט ווי זייער געזעץ איז, האָבן זיי מער קיין שייכות ניט צו דעם און אויפהערן צאָלן. דער איד וואָס איז אַוועקגעשטעלט דאָרטן אויף יענער אַרבעט, האָט זיי געענטפערט:

שמעו רבותי! איך האָב געקראָגן אַ בריוו פון פלוני בן פלוני אַז איך זאָל אָנהויבן לערנען פריער. אויב נעמט זיך דאָס ביי אייך צו, איז גוט, און אויב ניט, וועט אויך זיין גוט אי"ה.

אויף מאָרגן זיינען זיי געקומען און אויפגעבויט אַ מקום מתאים ללימודים, וואָס ס'איז שוין מער ווי צוויי יאָרן וואָס מען האָט מיט זיי צוטאָן זיי זאָלן עס געבן, און זיי געבן ניט.

עפ"י טבע איז דאָס אינגאַנצן ניט מובן. בשעת מען איז געקומען צו אים מיט אַ התראה, און מען שטורעמט אַז ער זאָל דוקא טאָן ווי זיי זאָגן, און אויב ניט וועט מען אים קיין איין פרוטה ניט געבן, און ער ענטפערט זיי אַז ער האָט באַקומען אַ בריוו במילא פאָלגט ער אזוי ווי מען האָט אים געשריבן און רעכנט זיך ניט דערמיט וואָס זיי זאָגן, ולבסוף איז ניט נאָר וואָס מען האָט גאָר ניט גורע געווען נאָר מען איז געקומען און צוגעבויט בכדי עס זאָל קענען קומען נאָך קינדער לערנען!

און קיינער האָט אויף דעם קיין תהלים ניט געזאָגט, און קיינער האָט אויף דעם קיין פרוטה אויף צדקה ניט געגעבן, נאָר בשעת אַז ער האָט געענטפערט מיט אַ תוקף אַז ער האָט אַ פקודה פון פב"פ, מיט דעם תואר מיט וועלכן ער איז מיר מכנה, איז דורך דעם וואָס ער איז פאַרבונדן מיט מיר און דורך מיר מיטן רבי'ן, דאָס האָט גע'פועל'ט אויף יענעם אַ הזזה.

וואָס הגם אַז בגלוי האָט ער אָנגעהויבן צו שטורעמען, אָבער בפנימיות לבבו האָט עס אויף אים גע'פועל'ט אַ הזזה לטוב, דאע"ג דאיהו לא חזי מזלי' חזי, אַז ער איז נתבטל געוואָרן פאַרן רבי'ן, און האָט מוסיף געווען אין דעם בנין, וואָס דורך דעם וועט מען מחנך זיין בע"ה נאָך קינדער בחינוך הכשר.

דאָס איז געווען אַ מעשה מיט אַ אידן וואָס האָט דעם רבי'ן קיין מאָל ניט געזען, אין ליובאוויטש האָט ער ניט געלערנט וכו' וכו', היינט עאכו"כ די וואָס האָבן געזען דעם רבי'ן, געזען דעם רבי'ן נ"ע, וואָס כולא חד, ולבסוף ווערן זיי נתפעל פון די שטות



פון מלך זקן וכסיל.

און ווי עס שטייט "עשר בשביל שתתעשר", און דאָס גייט אויף די טרחה בממונו בגופו ובנשמתו. אַז אַלע ענינים וואָס מען גיט, איז דאָס ניט וואָס מען גיט, נאָר מען נעמט, ווייל בשעת מען גיט דעם רבי'ן, ממונו אָדער גופו אָדער נשמתו, גיט אָפּ דער רבי די "ארבע ידות יהיו לכם". און בשעת מען גיט ווייניקער מיט הונדערט דאלאר, האָט מען אליין ווייניקער מיט פיר הונדערט. בשעת מען פוילט זיך לטרוח בגופו ווייל מען זשאַלעוועט דעם געזונט, פעלט עס ביי זיך ארבע הידות. און בשעת מען זשאַלעוועט נשמתו, וואָרום ער וויל לערנען און דאַווענען פאַר זיך אין דער צייט, פעלט עס ביי זיך ארבע הידות. ולאידך גיסא, בשעת מען גיט נאָך הונדערט דאלאר, באקומט מען נאָך פיר הונדערט. נאָך טרחה בגופו, באַקומט מען געזונט פיר מאָל אזויפיל. נאָך מערער צייט אייגענע, באַקומט מען הצלחה אין תורה ותפילה פיר מאָל אזויפיל.

(משיחות יום שמח"ת ה'תשט"ז, בלתי מוגה)

## תרגום חפשי ללה"ק:

בידעי עד כמה נוגע וחביב לרבי כל רגע שילדים לומדים, כתבתי מכתב למקום כלשהו – בארץ ישראל – שיתחילו ללמוד לפני הזמן שנקבע ע"י השלטונות.

כשהגיעה הידיעה למשרד המתאים, שהתחילו ללמוד [מוקדם מהרגיל], הגיעו הם והתרו, שאם לא יפעלו ע"פ החוק, אזי לא תהי' להם עוד כל שייכות איתם ויפסיקו לשלם. היהודי שמונה שם לאותה עבודה, ענה להם:

שמעו רבותי! קיבלתי מכתב מפלוני בן פלוני שאתחיל את הלימודים מוקדם. באם רוצים הנכם לקבל זאת, מה טוב, ובאם לאו יהי' גם-כן טוב אי"ה.

למחרת הם הגיעו שוב, ובנו מקום מתאים ללימודים; לאחר שכבר למעלה משנתיים שמתעסקים במשא-ומתן איתם שיתנו להם, ולא נתנו.

עפ"י טבע, לגמרי לא מובן. בשעה שהגיעו אליהם עם ההתראה, והרעישו שיעשה דוקא כפי שהם מורים, ובאם לאו לא יקבל מהם שום פרוטה, והוא עונה להם שקיבל מכתב ובמילא מוכרח הוא לקיים כפי מה שנכתב לו ואינו מתחשב עם מה שהם אומרים, ולבסוף, לא רק שלא נגרע מאומה, אלא עוד זאת שבאו ובנו בכדי שיוכלו עוד ילדים לבוא וללמוד!

ואף אחד לא אמר על כך תהלים, ואף אחד לא תרם לכך שום פרוטה לצדקה, רק שבשעה שענה עם תוקף שיש לו פקודה מפלוני בן פלוני, בצירוף התואר שכינה אותי, הרי על-ידי שהתקשר אלי, ועל-ידי-כך עם הרבי, פעל הזזה באותו אדם.

והגם שבגלוי התחיל ההוא להרעיש, אבל בפנימיות לבבו נפעלה בו הזזה לטוב, דאע"ג דאיהו לא חזי מזלי' חזי, שנתבטל אל הרבי, והוסיף בבנין, שעי"ז יתחנכו בע"ה